ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# תמיד

בלשון הקודש ואידיש

**236**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת תמיד

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי
וירושלמי, הנמצאות במסכת תמיד

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו
בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.
גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.
גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.
ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.
**נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

קדים הוא על בברתיה דקיסר כי מטא התם אמר בן תלמיון צא בן תלמיון צא כיון דקרו ליה נפיק אזל אמר להן שאילו כל מה דאית לכון למשאל ועיילינהו לגינזא לשקול כל דבעו עולו אשכחו להיא איגרתא שקלוה קרעוה והיינו דאמר רבי אלעזר ברבי יוסי אני ראיתיה ברומי והיו עליה כמה טיפי דמים :

מ"מ . יצא עמם : עאל בברתיה דקיסר . נכנס בן תלמיון לתוך גופה של בת הקיסר ויש נאגד: אחרת א"ל בן תלמיון אבא קדימה ועאל בברתיה דקיסר והשתגע ולא נשתכחו אסיא דמסי לה עד דתיהון אתין וחימרון לי פוק ונפיקא וכהאי עבדי לכו מה דבעיתו וזה יהיה לכם אות דכי נפיקא מינה מתברנא כל כלי זכוכית של בית הקיסר . [ברב"י שבגמרא איתא א"ל · עאל בברתיה דקיסר . וכשהגעה והיתה צועקת ואומרת שכן לי את רשב"י בכל שעה וכו'] : אני ראיתיה ברומי . פרוכת המבדלת בין היכל לק"ק : והיו עליה כמה טיפי דמים . מהזאת פר ושעיר של יוה"כ . ופי' אני ראיתיה כשלא ; לכם פנו לבית גנזי והכלנוס כל אשר תמלך : אשכחו ההיא איגרתא . דכתיבי בה כל גזירות דאמרן לעיל :

# סליק מסכת מעילה

## מסכת תמיד פרק ראשון

(דף ט ע"ב) **א פיסקא** פרחי כהונה איש כסותו בארץ אמאי התם קרי להו רובים והכא קרי להו (דף כז) פרחי כהונה אמרי אין התם דלא מטו למעבד עבודה קרו להו רובים והכא דמטו למעבד עבודה קרי להו פרחי :

התם קרי להו רובים . ורובים שומרים שם : והכא קרי להו פרחי . אמאי : התם . גבי במידה : דלא מטו למעבד עבודה. שלא הגיעו לעשות עבודה כגון פחותים מי"ג שנה קרי להו רובים כלומר נערים : הכא דמטו לכלל עבודה . בכל אותם שישנים שם בבית המוקד ראוים לעבודה דבשביל כך הם ישנים שם כדי שיהו מזומנים למחר לעבודה ביום עבודתם דכל משמרה מתחלקת לשבעה בתי אבות כנגד שבעה ימי השבוע ובשבת עושין כולן ביחד וחולקים יחד קרי להם פרחי כהונים שלא הגיעו עדיין לכלל זקנה :

א"ל

---

אוים אונ איך וועל אריין גיין אין דעם קיסרס טאכטער וועט זי משוגע ווערין · אונ אלע דאקטורים וועלין איר ניט קענען העלפען · ביז איר וועט קומען אונ איר וועט זאגין צו מיר גיי ארוים ווער איך ארוים גיין · וועט שוין דער קיסר אייך טאהן וואס איר וועט וועלין · אונ אצייכען וועט איר האבען אז איך בין שוין ארוים גיגאנגען · ווען איך וועל ארוים גיין פון איר וועל איך צוא ברעכין אלע גלעזערנע כלים וואס ביי דעם קיסר אין שטובו , איז בן תלמיון גיגאנגען פאר אוים אונ איז אריין גיגאנגען אין דעם קיסרס טאכטער (איז זיא משוגע גיווארין) · וויא רבי שמעון איז געקומען צום קיסר האט ער גזאגט בן תלמיון גיי ארוים · בן תלמיון גיי ארוים · וויא בן תלמיון הט גיהערט מען רופט איהם איז ער ארוים גיגאנגען · האט דער קיסר גזאגט צו רבי שמעון אונ רבי אלעזר איר מעגט ביי מיר בעטין אלץ וואס אי' ווילט בעטין · אונ מען האט זייא אריין געפירט אין די אוצרות פון קיסר זייא זאלען נעמען וואס זייא ווילען · וויא זייא זענען אריין גיקומען אין דיא אוצרות האבען זייא גיפונען דיא פאפירען וואס אויף זייא איז גיוועזן געשריבען דיא גזרות · האבען זייא דיא פאפירען צוריסען · דאס איז וואס רבי אלעזר ברבי יוסי האט גזאגט איך האב גיזעהן דעם פרוכת אין רוים ווען איך בין גיוועזן אין דיא אוצרות פון קיסר) אונ אויף דעם פרוכת איז גיוועזן בשפריצט פיל טראפין בלוט · פון דער כהן גדול הט געשפריצט אום יום כפור :

# פרק ראשון

**א** פיסקא · פרחי · דיא יונגע כהנים וואס האבען גינעכטיגט אין בית המקדש האט יעדער גיליינט זיין קלייד אויף דיא ערד , אונ איז גישלאפען אויף איר · פרעגט די גמרא פאר וואס אמאהל רופט מען דיא יונגע כהנים רובים · אונ אמאהל רופט מען דיא יונגע כהנים פרחי · ענטפערט די גמרא אז זייא זענען אלט פר דרייצעהן יאהר וואס זייא טארין נאך ניט טאהן די עבודה · זייא זענען נאר אין בית המקדש צום היטען · רופט מען זייא רובים · קינדער · אונ דיא יונגע כהנים וואס זענען שוין אלטער ווי דרייצעהן יאהר · זיי טוהען שוין די עבודה אין בית המקדש ווי זענען שוין מקריב קרבנות) רופט מען זייא פרחי כהונה · יונגע כהנים :

אמר

(ע"ב) **ב** **א"ל** רב לחייא בריה וכן אמר ליה רב הונא לרבא בריה חשיך תקין נפשך וקדים תקין נפשך כי היכי דלא הרחק תיב וגלי וכסי וקום שטוף ושתי שטוף ואחית וכשאתה שותה מים שפוך מהן ואחר כך תן לתלמידך בדתניא לא ישתה אדם מים ויתן לתלמידיו אלא אם כן שפך מהם . מעשה באחד ששתה מים ולא שפך מהם ונתן לתלמידו ואותו תלמיד אסטניס היה ולא רצה לשתות ומת בצמא באותה שעה אמרו לא ישתה אדם מים ויתן לתלמידו אלא אם כן שפך מהם אמר רב אשי הילכך האי תלמידא דשפיך קמי רביה לית ביה

שפיך תקין וכו' . הערב והבקר לבדוק עצמך בבית הכסא שכן בשעת בני אדם בבקר ובערב כדי שלא תצטרך להרחיק מן העיר כלומר למה תצטרך בשביל ליך לצרך להרחיק הוק עצמך לפנות בבני פרקים שלא תצטרך לפנות ביום בבני אדם מצויים : תיב וגלי וכו' . שב על הכסא קודם שתגלה עצמך ובשתגמור כסה עצמך קודם שתקום : שטיף וכו' . רחץ הכוס קודם שתשתה ואת הנשאר רוק המים ובשתגמור לשתות רחץ הכוס והניחו נקי לבוקר

**ב** אמר . רב האט געזאגט צוא זיין זוהן חייא . אונ אזוי האט געזאגט רב הונא צוא זיין זוהן רבא . בייא נאכט ווען מענטשין גייען שוין ניט אין גאס . אונ פאר טאג ווען מענטשין שלאפען נאך . זאלסטו דיין געוואוהנט אלע טאג אין דיא צווייא ציישען צו גיין אין בית הכסא ריינגען דיין בויך ווארום פאר ציישען האבען זייא ניט גיהאט קיין בית הכסא אין שטאט אזוי וויא מיר האבען . נאר זייא פלעגין ארויס גיין אויסער די שטאט אויף דעם פרייען פעלד . ביי טאג פלעגין זייא מוזען אוועק גיין ווייט פון שטאט מענטשין זאלען זייא ניט זעהן . דריבער האט רב אונ רב הונא געזאגט צוא זייערע קינדער זייא זאלען זיין געוואוהנט ארויס צו גיין ביי נאכט אונ פאר טאג ווען מענטשין גייען ניט ווילין זייא ניט דארפען אוועק גיין ווייט פון שטאט . נאך האבען זייא געזאגט צו זייערע קינדער . פריער זאלט איר אייך זעצין . דער נאך זאלט איר אייך אויף דעקן : אונ נאך דעם ארויס גיין זאלט איר אייך פריער צו דעקן ווען איר זיצט נאך . דער נאך זאלט איר אייך אויף שטעלין . אז דוא ווילסט טרינקען זאלסטו פריער אויס וואשען ריין דיא כלי . דער נאך זאלסטו אריין גיסען אין די כלי וואסער אדער אנדערע משקה אונ טרינקען : אונ נאך דעם טרינקען זאלסטו אויס וואשען ריין דיא כלי אונ אוועק שטעלין זיא . אונ אז דוא וועסט טרינקען וואסער פון אכלי . אונ אין דיא כלי וועט נאך בלייבען וואסער . אונ דוא וועסט וועלען געבין דיא איבעריגע וואסער צו דיין תלמיד ער זאל טרינקען : פריער זאלסטו אביסול אפ גיסען פון דעם וואסער אויף דיא ערד . דער נאך זאלסטו געבין די איבעריגע וואסער צו דיין תלמיד ער זאל טרינקען . אזוי וויא מיר האבען גילערונט אז אמענטש האט גיטרונקען וואסער פון אכלי אונ אין דיא כלי איז נאך געבליבען וואסער טאר ער ניט געבין די איבעריגע וואסער צו זיין תלמיד ער זאל טרינקען . סיידין ער הט פריער אפ גיגאסען אביסול וואסער . עס האט אמאהל גיטראפען איינער האט גיטרונקען וואסער אונ נאך דעם טרינקען האט ער ניט אפ גיגאסען אביסול פון דיא געבליבענע וואסער אונ ער הט גיגעבין דיא איבעריגע וואסער צו זיין תלמיד ער זאל טרינקען . אונ דער תלמיד איז גיווען אאיידעלער האט ער ניט גיוואלט טרינקען דיא געבליבענע וואסער וייל ער הט זיך געמיאוסת צו טרינקען פון דעם רבים טויל . אונ אפ גיסען אביסול וואסער אפ צו וואשען דעם ארט וואס דער רבי האט גיהאלטען אין מויל האט ער זיך גישעמט . ווארום דער רבי וועט דאך זעהן אז ער מיאוסת זיך פון איהם . וועט ער זיין בייז . דריבער האט דער תלמיד גזאגט ער וויל ניט טרינקען וייל איהם דערשט ניט : אונ אין אמת הט אים יא גידארשט אונ ער איז גישטארבען פון דארשט . אין דער צייט האבען דיא חכמים געזאגט אז אמענטש האט גיטרונקען וואסער פון אכלי אונ אין דיא כלי איז נאך געבליבען וואסער טאר ער ניט געבין דיא איבעריגע וואסער צו זיין תלמיד ער זאל טרינקען . סיידין ער האט פריער אפ גיגאסען אביסול וואסער . רב אשי זאגט אויב דער רבי האט ניט אפ גיגאסען אביסול וואסער . נאר דער תלמיד האט גענומען די

וואסער

ביה משום אפקירותא :

ג תנן התם איש הר הבית היה מחזר על כל משמר ומשמר ואבוקות דולקות לפניו וכל משמר שאינו עומד ואומר לו איש הר הבית (דף כח) שלום עליך ניכר שהוא ישן חובטו במקלו ורשות היתה לו לשרוף כסותו והם אומרים מה קול בעזרה קול בן לוי לוקה ובגדיו נשרפין שישן לו על משמרתו רבי אליעזר בן יעקב אומר פעם אחת מצאו את אחי אמי ישן ושרפו את כסותו א"ר חייא בר אבא כי כתי רבי יוחנן בהא מתניתין אמר דכי אשריהם לראשונים שאפילו על אונס שינה עושין דין שלא על אונס שינה עאכ"ו :

להדיח ולשפוך מים כדי לנקות הכוס : אפקירותא : חוצפא ע"כ :
איש הר הבית . שר כמו אליכם אישים אקרא כל לילה ולילה היה מחזר על כל משמר והיו לו מפתחות הר הבית : והאבוקות דולקות לפניו . וכל משמר במשמר שהיה בא אצל המשמר כל משמר שאינו עומד כנגדו ואומר לו שלום עליך ניכר שהוא ישן : חובטו במקלו . מלקהו : והם אומרים מה קול בעזרה . אומרים זה אותו בן לוי לוקה ובשביל כך הוא צועק ומשמיע קולו בכאן : וק"ו על אונס שינה עושין דין . דשינה זו הוה אונס שאין אדם יכול לעמוד עצמו שלא ישן כשבאה לו שינה לעיניו : שלא על אונס שינה . דבר בעבירה כמתכוין : איזוהי דרך ישרה שיבור לו האדם . הרבה דברים צריך לו לאדם לנהוג אלא ה"ק איזוהי דרך

ד תניא רבי אומר איזוהי דרך ישרה שיבור לו האדם יאהב את התוכחה שכל זמן שתוכחות בעולם נחת רוח באה לעולם טובה וברכה באין לעולם ורעה מסתלקת מן העולם שנאמר (משלי כד) ולמוכיחים ינעם

---

וואסער פון רבי אונ ער אליין הט אפ גיגאסען אביסול וואסער · אונ דער רבי זעהט · הייסט דס ניט קיין העזה פון דעם תלמיד :

ג תנן · מיר האבען גילערונט דער גבאי פון דעם הר הבית פלעגט גיין ביי נאכט צוא דיא אלע ארטער וואס דיא וועכטער שטייען · ער זאל זעהן אויב יעדער וועכטער שטייט אויף זיין ארט · אונ פלאמען פייער האבען גיברענט פאר איהם עס זאל זיין ליכטיג צום גיין · אונ דער וועכטער וואס איז ניט גישטאנען נאר ער איז גילעגין ; אונ מען הט ניט געוואוסט צו ער שלאפט צו ער וואכט) אונ הט גזאגט צום גבאי הערר גבאי פון הר הבית פריד אויף דיר · האט מען דער קענט אז דער וועכטער שלאפט · האט דער גבאי איהם גישלאגען מיט אשטעקין · אונ דער גבאי האט גימיינט פאר ברענגען דיא קליידער פון דעם וועכטער · אונ דיא מענטשין וואס זענען גיוועזען אין די עזרה האבען גיפרעגט וואס איז דער גישריי וואס מען הערט אין די עזרה · האט מען גיענטפערט דער גישריי איז פון א לוי וואס מען שלאגט איהם אונ מען פאר ברענט זיינע קליידער ווייל ער איז גישלאפען אויף דיא וואך זיינע · רבי אליעזר בן יעקב זאגט אמאהל האט מען גיפינען מיין מוטערס ברודער ווער איז גיוועזען א לוי אונ ער איז גישלאפען אויף דיא וואך · האט מען פאר ברענט זיין קלייד · רבי חייא בר אבא האט גזאגט אז רבי יוחנן פלעגט לערנען דיא משנה האט ער אזוי גזאגט · וואוהל איז גיוועזען צו די פריערדיגע מענטשין זייא פלעגין שטראפען אפילו אויף אזוי א עבירה וואס איינער הט גיטאן ניט מוהטוויליג · נאר ער איז גיוועזען גינייט דער צו · למשל אזוי וויא דער וועכטער ער איז דאך ניט גישלאפען מוהטוויליג · נאר דער שלאף הט איהם גינייט ער זאל אנטשלאפען ווערין · פון דעסטוועגין הט מען איהם גישלאגען · אז איינער הט גיטאהן א עבירה מוהטוויליג הט מען איהם געווים גישטראפט :

ד תניא · מיר האבען גילערינט רבי זאגט וועלכע איז דיא גלייכע וועג וואס דער מענטש זאל אויס קלייבען פאר זיך · ער זאל ליב האבען דעם מענטש וואס ער שטראפט איהם · ווארום ווען עס איז דא שטראף אויף דער וועלט · אז איין מענטש שטראפט דעם אנדערין פאר וואס ער טוהט א עבירה · קומט פערגעניגען אויף דער וועלט · גוטס אונ ברכות קומט אויף דער וועלט · אונ דיא שלעכטס ווערט אפ גיטאהן פון דער וועלט · אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צו די מענטשין וואס שטראפען וועט זיין ווייער לעבין זים · אונ דיא מענטשין וואס נעמען צו די שטראף אונ זייא ווערין פרימער) אויף זייא וועט קומען גוטע בענשונג · אונ

אנדערע

ינעם ועליהם תבא ברכת טוב וי"א יחזיק באמונה יתירה שנאמר (תהלים קא) עיני בנאמני ארץ וגו'. אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן כל המוכיח את חבירו לשם שמים זוכה לפלגו של מקום שנא' (משלי כח) מוכיח אדם אחרי ולא עוד אלא שמושכין עליו חוט של חסד שנאמר חן ימצא

אהה מדרגות סוברו סיבור לו האדם : ויש אומרים יחזיק באמונה יתרה . יבא ויקן עם בני אדם באמונה ולא יהנה את הבריות : לפלגו של מקום. להיות בחלקו של מקום כלומר בתוך מחיצתו : אדם אחרי. המוכיח יהיה אחרי כלומר עמי :
גוזמא. כלומר מלתא בעלמא הוא דקאי ולאו דוקא דמעולם לא הגיע לגבה מאה כור דמקום המערכה לא היה יכולה להחזיק בלא מאות כור : השקו את התמיד וכו'. שיהא נוח להפשיט : דברה

# ראוהו אחיו פרק שני

במשנה איתא תפוח היה באמצע המזבח פעמים שהיו עליו כשלש מאות כור. ועלה

(דף כט) א אמר רבא גוזמא. השקו את התמיד בכוס של זהב אמר רבא גוזמא. אמר רבי אמי דברה הורה לשון הבאי דברו נביאים לשון הבאי דברו חכמים לשון הבאי. דברה תורה לשון הבאי דכתיב (דברים א) ערים גדולות ובצורות בשמים בשמים ס"ד אלא גוזמא. דברו חכמים לשון הבאי הא דאמרן התפוח והשקו את התמיד בכוס של זהב. דברו נביאים לשון הבאי דכתיב (מ"א א) ויעלו כל העם אחריו והעם מחללים בחלילים וגו' ותבקע הארץ בקולם. אמר רבי ינאי בר נחמני אמר שמואל בשלשה מקומות

דברו

---

אנדערע זאגען וועלכע איז דיא גוטע וועג וואס דער מענטש זאל אויס קלייבען. ער זאל ערליך האנדלען מיט מענטשין אונ ער זאל קיינעם ניט נארען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גזאגט מיינע אויגען זעהן נאר אז מיט מיר זאלען זיצען דיא בגלויבטע מענטשין פון דער וועלט. רבי שמואל בר נחמני הט גזאגט פון רבי יונתן וועגין דער וואס שטראפט דעם חבר פון גאטס וועגין. איז ער זוכה צו זיין נאהנט פון גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מוכיח אדם אחרי. גאט זאגט דער וואס שטראפט דיא מענטשין וועט ער זיין אינטער מיר ומיט מירו; אונ נאך מער וועט ער האבען גאט וועט ציהען אויף איהם אפאדים פון חסד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק חן ימצא. דער שטראפער וועט געפינען חן ביא אלע מענטשין :

# פרק שני

א אין דער משנה שטייט אז אויף דעם מיטען מזבח פלעגט ליגען אבארג אש קיילעכדיג וויא אעפיל. אמאהל פלעגט זיין אין דעם בארג דריי הונדערט כור אש ואכור איז אזוי אמאס אגרויסע פון פאר צייטען. זאגט רבא די משנה האט אן גיהאפט אגוזמא. צוא פיל. עס איז קיין מאהל ניט גיוועז אין דעם בארג אש דריי הונדערט כור. נאך שטייט אין דער משנה דער שעפס וואס ער איז גיוועז אקרבן תמיד האט מען איהם גיגעבען טרינקען וואסער פאר דעם שעכטין אין אגאלדענעם בעכער. האט רבא גזאגט דיא משנה האט אן גיהאפט אגוזמא. צו פיל. דער בעכער איז ניט גיוועז גאלד. נאר אזוי אטייערער בעכער. רבי אמי זאגט דיא תורה זאגט אמאהל אגוזמא. אונ דיא נביאים זאגען אמאהל אגוזמא. אונ דיא חכמים זאגען אמאהל אגוזמא. פון וואגען ווייסען מיר אז דיא תורה זאגט אמאהל אגוזמא. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא שטעט זענען גרויסע אונ פעסטע ביז אין הימעל. איז דען ביז אין הימעל. נאר עס איז אגוזמא. אז דיא חכמים זאגען אמאהל אגוזמא ווייסען מיר פון דיא אש אונ פון דעם גאלדענעם בעכער וויא פריער שטייטו. אז דיא נביאים זאגען אמאהל אגוזמא ווייסען מיר פון דעם פסוק דאס גאנצע פאלק זענען אויף גיגאנגען נאך שלמה אונ דאס פאלק האבען געשפילט מיט אזוי אהויבע שטימע אז דיא ערד איז צו שפאלטען גיווארען פון זייער שטימע. איז דען דיא ערד צו שפאלטען גיווארען פון זייער שטימע. נאר עס איז אגוזמא. רבי ינאי בר נחמני זאגט פון שמואלס וועגין ביי דריי זאכען האבען די חכמים גזאגט אגוזמא. ביא דיא אש וויא

פריער

דברו חכמים לשון הבאי ואלו הן הפות גפן ופרוכת וכו' הני אין התם לא אין עניות במקום עשירות :

# לא היו כופתין פרק רביעי

(ד' לא ע"ב) **א עשרה** דברים שאל אלכסנדרוס מוקדון את זקני הנגב אמר להן (דף לג) מן השמים לארץ רחוק או ממזרח למערב אמרו ליה ממזרח למערב תדע שהרי חמה במזרח הכל מסתכלין בה חמה במערב הכל מסתכלין בה וחמה באמצע הרקיע אין הכל מסתכלין בה. וחכ"א זה וזה שוין כאחת שנאמר (תהלים קג) כי כגבוה שמים על הארץ גבר חסדו על יראיו (שם) ברחוק מזרח ממערב ואי חד נפיש לכתוב תרוייהו בההוא דנפיש אלא מאי טעמא חמה

תורה לשון הבאי. כלומר שרוצה להגזים דבריו : אלא התם אין עניות במקום עשירות. ולא גוזמא דכל מעניהם בעושר ובכבוד [ועיין בחולין דף נ'] :
מן השמים לארץ רחוק. כלומר איזה רחוק יותר :
אמרו לו ממזרח למערב. רחוק יותר משמים לארץ : תדע שהרי חמה במזרח הכל מסתכלין בה חמה באמצע הרקיע אין הכל מסתכלין בה. ולמה לפי כשהחמה במזרח או במערב היא רחוקה ובשביל שהיא רחוקה יכולים להסתכל בה באין האורה מזקת לעינים אבל כשהיא באמצע הרקיע קרובה ואורה מזיק כ"כ שאין יכולין לראות :
(כגבוה דנפיש. יכתוב כרחוק מזרח ממערב גבר חסדו על יראיו הרחיק ממנו את פשעינו

---

פריער שטייט. אונ ביא דעם גאלדענעם וויין שטאק. אונ ביי דעם פרוכת (אזוי ויא עס שטייט אין דיא מסכת חולין פרק גיד הנשה סימן א). אבער דער גאלדענער בעכער איז ניט אגוזמא. ווארום ביי אריינגעהן ועהט מען ניט קיין ארעמקייט. אין בית המקדש האט זיך ארץ געפירט רייך מיט רייכע גאלדענע כלים. האט מען דעם קרבן תמיד גיגעבין טרינקען אין אגאלדענעם בעכער

## פרק רביעי

**א** עשרה. צעהן זאכען האט אלכסנדרוס מוקדון גיפרעגט ביי די זקנים פון דרום זייט (א) אלכסנדר האט גיפרעגט ביי דיא זקנים וואו איז ווייטער פון הימעל צוא דיא ערד אדער פון מזרח צו מערב. האבען דיא זקנים גזאגט פון מזרח צו מערב איז ווייטער ויא פון הימעל ביז צו דיא ערד. מיר וועלין דיר ווייזען אז עס איז אזוי: ווארום אז דיא זוהן שטייט אין מזרח זייט קענען אלע קוקען אין איר: אונ אז דיא זוהן שטייט אין מערב זייט קענען אויך אלע קוקען אין איר. אונ אז דיא זוהן שטייט אין מיטען הימעל קען מען ניט קוקען אין איר. ווארום מזרח פון מערב איז גאנץ ווייט איז דיא ליכטיגקייט פון דיא זוהן ניט אזוי שטארק דריבער קענען דיא מענטשין פון מערב קוקען אין דיא זוהן וואס אין מזרח. אונ דיא מענטשין פון מזרח קענען קוקען אין דיא זוהן וואס אין מערב: אבער פון הימעל ביז צוא דיא ערד איז ניט אזוי ווייט. דריבער דער וואס שטייט אויף דיא ערד קען ניט קוקען אין די זוהן ווס אין הימעל געגען איבער איהם. ווייל עס איז נאנט איז דיא ליכטיגקייט פון דיא זוהן צו שטארק אז עס פאר בלענדט די אויגען: אונ דיא חכמים זאגען פון מזרח ביז צוא מערב איז אזוי ווייט ווי פון הימעל ביז צו דיא ערד. ביידע גלייך. ווארום עס שטייט אין פסוק אזוי ויא עס איז הויך דיא הימעל פון דיא ערד אזוי האט זיך גישטארקט דער חסד פון גאט אויף דיא מענטשין ווס האבן מורא פאר איהם. אזוי ווי עס איז ווייט מזרח פון מערב אזוי האט גאט דער ווייטערט אונזערע זינד. אויב איינס איז ווייטער. אויב דיא הימעל פון די ערד איז ווייטער ויא מזרח פון מערב. אדער מזרח פון מערב איז ווייטער ויא דיא הימעל פון דיא ערד. זאלען שטיין ביידע אין די ווייטערע. אויב דיא הימעל פון דיא ערד איז ווייטער ויא מזרח פון מערב. זאל שטיין אין פסוק אזוי הויך ויא עס איז דיא הימעל פון דיא ערד אזוי האט זיך גישטארקט דער חסד פון גאט אויף דיא מענטשין וואס האבען מורא פאר איהם אונ אזוי הט גאט דער ווייטערט אונזערע זינד. אונ אויב פון מזרח ביז מערב איז ווייטער ויא פון דיא הימעל ביז צו דיא ערד. זאל שטיין אין פסוק אזוי ווייט ויא עס איז פון מזרח ביז מערב אזוי האט זיך גישטארקט דער חסד

כיון שמתוזה לנוער כתיק : ולא כסי ליה מידי . לפי שעומד בגבהו של רקיע ואין שום דבר מאפיל הכל בעליה והחמה עומד באמצעו של רקיע ויש הרים גבוהים שמאפילין בין החמה והרואים גו : לית ליה פתרי . דבר זה אין לו פותרים : מה למעלה . למעלה מהרקיע שעל ראשי החיות : מה למטה . מתהום : מה לפנים . קודם בריאת עולם : מה לאחור : מה יהיה אחר כילוי העולם : הרואה את הנולד . המבין מלבו מה שעתיד להיות קודם שיהיו לעול ויזהר מהן : הכובש את יצרו : כא

חמה באמצע רקיע אין הכל מסתכלים בה משום דקאי להדיא ולא כסי ליה מידי אמר להם שמים נבראו תחלה או הארץ אמרו לו שמים נבראו תחלה שנאמר (בראשית א) בראשית ברא אלהים את השמים וגו' אמר להם אור נברא תחלה או חשך אמרו ליה מלה דא לית לה פתרי וניםרו ליה חשך נברא תחלה דכתיב (שם) והארץ היתה תהו ובהו וחשך והדר ויאמר אלהים יהי אור ויהי אור סברי דילמא אתי לשיולי מה למעלה מה למטה מה לפנים מה לאחור אי הכי שמים נמי לא לימרו ליה מעיקרא סברי אקראי בעלמא הוא דקא שייל כיון דחזו דהדר משייל סברי לא נימא ליה דילמא אתי לשיולי מה למעלה וכו' אמר להם אי דין מתקרי חכם אמרו ליה איזהו חכם הרואה את הנולד אמר להם אי דין מתקרי גבור אמרו ליה איזהו גבור הכובש את יצרו אמר להם אי דין מתקרי עשיר אמרו ליה

---

הער פון גאט אויף דיא מענטשין וואס האבען מורא פאר איהם אונ אזוי האט גאט דער ווייטערט אונזערע זינד ; נאר פאר וואס אז דיא זוהן שטייט אין מיטען הימעל קען מען ניט קוקען אין איר . ווייל זיא שטייט גלייך אונ קיין זאך פאר שטערט איר ניט . אבער אז דיא זוהן שטייט אין מזרח זייט אדער אין מערב זייט דארט איז דער הימעל אראפ געבויגען לייכט ניט די זוהן אזוי שטארק דריבער קען מען קוקען אין איר . (ב) אלעקסאנדרוס האט גיפרעגט ביי די זקנים דער הימעל איז בשאפען געווארען פריער וויא דיא ערד . אדער דיא ערד איז בשאפען געווארען פריער וויא דער הימעל ; האבען דיא זקנים גזאגט דער הימעל איז בשאפען געווארען פריער ווי דיא ערד . ווארום עס שטייט אין פסוק צו ערשט האט גאט בשאפען דיא הימעל אונ דיא ערד . (ג) אלעקסאנדער האט גיפרעגט ביי דיא זקנים וועלכעס איז בשאפען געווארען פריער . דיא ליכטיגקייט אדער דיא פינסטערניס . האבען דיא זקנים געזאגט דיא זאך קען מען ניט וויסען וועלכעס איז פריער בשאפען געווארין . פרעגט דיא גמרא פאר וואס האבען דיא זקנים ניט גזאגט אז די פינסטערניס איז פריער בשאפען געווארין . ווארום עס שטייט אין פסוק די ערד איז געווען וויסט אונ לעהר אונ פינסטער דער נאך האט גאט געזאגט עס זאל זיין ליכטיג איז געווארין ליכטיג . ענטפערט די גמרא די זקנים האבען מורא גיהאט טאמער וועט אלעקסאנדער דער נאך פרעגין וואס איז איבער אלע הימלען אונ וואס איז אונטער דעם אבגרונד אונ וואס איז געווען פריער איידער דיא וועלט איז בשאפען געווארין אונ וואס וועט זיין דער נאך וויא די וועלט וועט פאר ענדט ווערין . פרעגט דיא גמרא אויב דיא זקנים האבען פאר דעם מורא גיהאט . ווען אלעקסאנדער האט זייא גיפרעגט וועלכעס איז פריער בשאפען געווארין דיא הימעל אדער דיא ערד . האבען זייא אויך גידארפט זאגען מיר וויסען ניט . ענטפערט דיא גמרא אין אנהייב האבען דיא זקנים גימיינט אז אלעקסאנדרין איז נאר איין גיפאלען צו פרעגין . אונ ער וועט נאר פרעגין דיא איין זאך אונ ניט מער . דריבער האבען זייא איהם געענטפערט . ווי דיא זקנים האבען גיזעהן אז ער פרעגט נאך זאכען אונ ער וויל אלץ וויסען . האבען זייא געענטפערט מיר וויסען ניט ווייל זייא האבען מורא גיהאט טאמער וועט ער פרעגין וואס הויבען אונ אונטען וואס פריער אונ שפעטער : (ד) אלעקסאנדער האט גיפרעגט ביי דיא זקנים וועלכער מענטש ווערט גירופען אחכם . האבען דיא זקנים געזאגט דער מענטש וואס ברעכנט פריער וואס שפעטער וועט זיין . אז ער הייבט אן צו טאהן אזאך ברעכנט ער פאהר וואס דער סוף וועט זיין פון די זאך . דער הייסט אחכם . (ה) אלעקסאנדער האט גיפרעגט ביי דיא זקנים וועלכער מענטש ווערט גירופען אשטארקער . האבען דיא זקנים געזאגט אז דער יצר הרע רעט אן אמענטשין ער זאל טאהן אעבירה . אונ דער מענטש שטארקט זיך אונ טוהט ניט דיא עבירה . דער מענטש הייסט

ליה איזהו עשיר השמח בחלקו א"ל ומה יעביד איניש ויחיה א"ל ימית עצמו מה יעביד אינש וימות יחיה את עצמו אמר להם מה יעשה אדם ויתקבל על הבריות א"ל יסנא מלכו ושלטן אמר להו דידי טבא מדידכו ירחם מלכו ושלטן ויעביד טיבו עם בני אנשא א"ל בימא יאי למידר או ביבשתא אמרו ליה ביבשתא דהא כל נחותי ימא לא מיתבא דעתייהו עד דסליקן ליבשתא אמר להם אי דין מינייכו חכים טפי אמרו לו כולנא כחדא שוין דהא כל מלתא דאמרת לן כחדא פתרנא לך אמר להון מה דין אתרסתון לקבלי אמרו ליה שטנא נצח אמר להון קטילנא לכון בגזרת מלכין אמרו לו שלטן

ביד

לידי עבירה וכבה את יצרו ונמלט נפש : השמח בחלקו . במה שנותן לו המקום : ימית את עצמו . ישפיל את עצמו : יחיה את עצמו . יגביה את עצמו ומתוך כך יתנו בו הבריות עין רעה ויקנאו בו וימות ולמדוך חכמים שהאדם הרוצה שיחיה ישפיל את עצמו וירחמו עליו הבריות ויחיה שנים הרבה ומגאוה ימנע את עצמו שלא יקנאו ימו וימות כלא עתו : יסנא מלכו ושלטן . ויתקבלו דבריו ויאהבו אותו אבל אדם רגיל לדבר עם מלכים ושרים מתקנאין בו בני אדם ומתוך כך שונאין אותו ואת מעשיו : דידי עדיפא מדידכו . חכמתי גדולה מכלכם שאני יועץ עצה טובה שעל ידה יהא מקובל לפני הבריות ואיזה עצה ירחם מלך ושלטון וידבר עמהן הגיד ויעביד טיבו עם בני העיר בשביל אנשי העיר וידבר עליהם אל המלך שלא להכביד עולם עליהם ואז יבואו בני העיר לכבודו : בימא יאי למידר או ביבשתא . באיזה מקום טוב לגור בים או ביבשה השיבו לו ביבשה : לא מיתבא דעתייהו . אין דעתן מיושבת עליהן עד שירדו ליבשה : אי דין מנכון טפי חכים : איזה מכם חכם יותר : כחדא פתרנא לך . כולנו חכמים ואין חכם זה מזה שהרי כולנו הסכמנו לדעת אחת : אמר להן מה דין אתרכתון לקבלי . מה זה שאתם עומדים נגדי ושונאכם מהזיקים יראתכם הלא אתם יודעים כי אנחנו הרבים ואתם מחתינו . אתרסתון לבין תנים ומנן : אמרו ליה שטנא נצח . זה איום כאיש שהרי אתם רואים בכל יום שהשטן כולל ומטעה בני האדם אף אתם אל תתמהו על שאנו תחתיכם . אמר להם שמים אתם שאתם מזיקים יראתכם שאם אהרוג אתכם בגזירת מלכים שאני מלך ואבקש לבאר מלכים שאוהבים אותי שיתנו לי רשות להרוג אתכם : אמרו ליה שלטן ביד מלכא ולא יאי למלכא כדב . כלומר בידך הממשלה לעשות שאתה מלך ושר אבל בכך

---

הייסט אשטארקער. (ו) אלכסנדר האט גיפרעגט ביי די זקנים וועלכער מענטש ווערט גירופעי אבייכער. האבען דיא זקנים גזאגט דער מענטש וואס בנוגענט זיך מיט וויא פיל גאט האט איהם גיגעבין. אונ דריבער איז ער אלע מאהל פרייליך. דער מענטש הייסט אבייכער. (ז) אלכסנדר האט גיפרעגט ביי די זקנים וואס זאל אמענטש טאהן ער זאל לעבין. האבען די זקנים גזאגט ער זאל ביי זיך זיין אזוי נידעריג גלייך וויא ער וואלט גיוועזן נישטארבען וועט ער קיינעם ניט מקנא זיין אונ וועט ניט וועלין כבוד אונ וועט ניט זוכען פערגעניגונגם. דריבער וועט ער לאנג לעבין. אונ וואס זאל אמענטש טאהן ער זאל שטארבען. האבען דיא זקנים גזאגט ער זאל זיין לעבעדיג. ער זאל זיין גרוים ביי זיך אונ זאל מקנא זיין רייכקייט אונ זאל וועלין כבוד אונ אלע אנדערע פערגעניגונגם. וועט ער געשווינדט שטארבען. אזוי וויא דער תנא האט גזאגט קנאה אונ תאוה אונ כבוד נעמען אוועק דעם מענטשין פון דער וועלט. (ח) אלכסנדר האט גיפרעגט ביי דיא זקנים וואס זאל אמענטש טאהן ער זאל זיין אן גענומען ביי מענטשין. ער זאל פיינט האבען אריין צו גיין צום מלך אונ צו דיא שרים פון מלך. וועט איהם קיינער ניט מקנא זיין וועט ער האבען שלום מיט אלע מענטשין. האט אלכסנדר גזאגט מיין עצה איז בעסער וויא אייער עצה. ער זאל ליב האבען אריין צו גיין צום מלך אונ צו דיא שרים פון מלך. ווארום אז ער וועט זיין בעקאנט מיט דעם מלך אונ מיט דיא שרים וועט ער קענען טאהן מענטשין טובות וועלין זיי איהם ליב האבען. (ט) אלכסנדר האט גיפרעגט ביי דיא זקנים וואו איז בעסער צו וואוהנען אויף דעם ים אדער אויף דיא ערד. האבען דיא זקנים גזאגט אויף דיא ערד איז בעסער צו וואוהנען. ווארום אלע וואס פארען אויף דעם ים זענען ניט רוהיג פון שרעק ביז זייא קומען אויף דער טריקענעש. (י) אלכסנדר האט גיפרעגט ביי די זקנים וועלכער פון אייך איז דער קליגסטער. האבען די זקנים גזאגט מיר זענען אלע גלייך קלוג ווארום יעדער זאך וואס דוא האסט ביי אונז גיפרעגט. האבען מיר אלע גלייך דיר גיענטפערט. האט אלכסנדר גזאגט צו דיא זקנים פאר וואס שטעלט איר אייך געגען מיר מיט העזה צוא חייזען אז איר זענט קליגער וויא איך: האבען דיא זקנים גזאגט שטנא נצח. דער שטן אדער יצר הרע רעט אן דעם מענטשין ער זאל ווייזען זיין חכמה. האט אלכסנדר גזאגט איך בין א מלך וועל איך גוזר זיין מען זאל אייך הרגנן. האבען דיא זקנים גזאגט דיא געוועלטיגקייט איז בייא

דעם

ביר מלכא ולא יאי למלכא כדב מיד אלביש יתהון לבושין דארגוון ושדי מניכא דדהבא על צואריהון:

ב אמר להו בעינא למיזל למדינת אפריקי אמרו ליה לא מצית אזלת דמפסקי הרי חשך אמר להו לא סגי דלא אזלינא אמטו הכי משיילנא לכון אלא מאי אעביד אמרו ליה אייתי חמרא לובא דפרשי בהברא ואייתי קבורא דמתני וקטר בהאי גיסא דכי אתית נקטת בגוייהו ואתית לאתרך עבד הכי ואזל מטא לההוא מחוזא דכולא נשי בעא למעבד קרבא בהדייהו אמרי ליה אי קטלת לן אמרי נשי קטל אי קטילנא לך אמרי מלכא דקטלוהו נשי אמר להו אייתי לי נהמא אתיין ליה נהמא דדהבא אפתורא דדהבא (ע"ב) אמר להו מי אבלי

ככך מחיהם שהכנסתם שלא תפשה עמנו רעה ואין נאה למלך לדבר שקר שנאמר אף כי לנדיב דבר שקר (משלי יז): מיד אלביש יתהון. הלביש אותם לבושי ארגמן ושם רביד זהב על צוארם: (יחיה את עצמו. יאכל מעדנים יותר ממה שיש לו ולכשיחסר לו ילך וינזול ויהרגוהו: אתרסתון לקבלן. מה זה שאתם נלחמים עמנו ואינכם מחזיקים באמונתם וכלא אגהם למעלה מכם: בטנא נא. הבטן הוא שמתעה אתכם ותנסה אותו: ולא יאי למלכא כדב. אין טוב למלך לכזב שהבטיחם שלא יענישם אם ישיבו לשאלותיו):

אמטו הכי משיילנא וכו'. איני מבקש מכם אלא מה אעשה שאוכל לילך: בעינא למיזל. רוצה אני לילך: לא מצית אזלא. איך יכול ללכת שהרי הושך באמצע הדרך מקום שיש בו חושך בין ביום בין בלילה ואין שום אדם יכול לעבור אותן הריס: אמר להם לא סגי דלא אזילנא אמטו הכי משיילנא מה אעביד. הקעתי עצמי ללכת שם אמטו הכי בשביל שהקעתי בעצמי אני שואל לכם עצה מה הקנהו ובאיזה ענין אוכל לעבור: אייתי חמרא לובא. קח חמורים גדולים ממלכים שהולכים אף בחשך: וגם קח קבורי דמתני. ויהבלים וקשור ראש החבל במקום שמתחיל החשך והשאר בידך מפני שהבוב דרך החבל. נוהגי לכון חבל: מטא לההוא מחוזא דכולא נשי. לא היה באותו הכרך כי אם נשים: בעא למעבד קרבא. רצה לעשות עמהן מלחמה: אמרו לו. הנשים אי קטלת לן יאמרו כבי קטיל כלומר זו היה גבורה אם הלחם עמנו שהרי אם תהרוג אותנו יאמרו העולם. שישמעו בדבר נשים הרג וזו אינה גבורה. ואם אנו נהרוג אותך יאמרו השומעים כמה גרוע מלך זה שנשים נתחברו עליו והרגוהו מיטב שתמנע לא עשות והלחם עמנו כן תהיה לבוז למה לכן הריני שומע לעצתכם ולא אזיק לכם והביאו לי לחם: לאהול: אייתי ליה נהמא דדהבא

מידה אין האנט צו טאהן מיט אונז וואס דוא ווילסט. עס איז אבער ניט שיין פאר א מלך ער זאל ואיגע ליגען. אונ דוא האסט דאך אונז צוא גזאגט אז דוא וועסט אונז ניט טאהן קיין שלעכטס. דט אלכסנדר גיהייסען מען זאל אלע זקנים אן טאהן קליידער פון ארגמן אונ גאלדענע האלדז בענדער אויף זייערע האלדזער:

ב אמר. אלכסנדר הט גזאגט צו דיא זקנים איך וויל גיין אין דיא מדינה אפריקא. האבין דיא זקנים גזאגט צו אלכסנדר דוא וועסט ניט קענען גיין אין אפריקא ווארום אין וועג זענען דא פינסטערע בערג. האט אלכסנדר גזאגט עס קען ניט זיין איך זאל ניט גיין. איך מוז גיין. דריבער פרעג איך אייך איר זאלט מיר געבין אעצה וויא אזוי איך זאל קענען גיין. האבין דיא זקנים גזאגט צו אלכסנדר דוא זאלסט נעמען גרויסע אייזלען פון דיא שטאט לוב. וואס זייא קענען גיין אין דער פינסטער. אונ דוא זאלסט מיט נעמען אקנויל מיט שטריק. אונ אז דוא וועסט קומען צו דעם ארט וואס דיא פינסטערנים הייבט אן זאלסטו דארט אן בינדען איין עק שטריק. אונ אזוי וויא דוא וועסט גיין זאלסטו אלע מאהל אפ וויקלען דעם שטריק פון קנויל. אונ אז דוא וועסט ארויס גיין פון דעם פינסטערנים זאלסטו דארט אן בינדען דעם אנדערין עק שטריק אז דוא וועסט דארפין גיין צוריק זאלסטו דיך האלטען אן דעם שטריק אונ גיין וועסטו צוריק קומען צו דיין ארט אונ וועסט ניט פאר בלאנדזעט ווערין. האט אלכסנדר אזוי גיטאהן אונ איז גיגאנגען. איז ער גיקומען צו א שטאט וואס אלע זענען גיוועזן נקבות. איין זכר איז ניט גיוועזן צווישען זייא. האט אלכסנדר גיוואלט מיט זיי מלחמה האלטען. האבען דיא ווייבער גזאגט צו אלכסנדר אויב דוא וועסט אונז הרגען וועסטו ניט האבען קיין כבוד פון דער מלחמה. ווארום מען וועט זאגען וואס פאר א שטארקייט האט אלכסנדר געוויזען ער האט גיקענט הרגען ווייבער. אונ אויב מיר וועלין הרגען דיינע זעלנער. וועט נאך פאר דיר זיין א שאנדע אויך. מען וועט דיך רופען דוא ביסט א מלך וואס ווייבער האבען דיך גיהרגעט. בעסער האלט נאר ניט מלחמה מיט אונז. האט אלכסנדר גזאגט צו דיא ווייבער מלחמה וועל איך מיט אייך ניט האלטען. נאר ברייננט מיר ברויט. האבען זייא איהם גיברייננט א גאלדענעם ברויט אויף א גאלדענעם טיש. האט אלכסנדר גזאגט צוא דיא

ווייבער

אכלי אינשי נהמא דדהבא אמרו ליה אלא אי נהמא
בעית לא הוה נהמא באתריך דשקלית ואתית להכא.
כי נפק כתב אבבא דמחוזא אנא אלכסנדרוס מ[קדון]
הויתי שטיא עד דאתיתי למדינת אפריקי די נשיא. וילפי
עצה מן נשיא כי שקיל ואתי יתיב בההוא מעיינא וקא
אכיל נהמא הוו בידיה גילדני מלוחים בהדי דמחוורא
להו נפל בהו רוחא אמר ש"מ האי מעינא מג"ע קא
אתי איכא דאמרי שקל מההוא מיא טרא באפיה. א"ד
אידלי כוליה עד דמטא לפתחא דג"ע רמא קלא פתחו
לי בבא אמרו ליה (תהלים קי"ח) זה השער לה' צדיקים
יבאו בו אמר להו אנא מלכא אנא מחשב חשיבנא
הבו לי מידי יהבו ליה גלגלתא חדא אתא תקליה לכולי
כספא ודהבא דיליה בהדיה ולא הוה תקיל אמר להו
לרבנן מאי האי א"ל גלגלתא דעינא דבשרא ודמא דלא
שבע אמר להו ממאי דהכי הוא דלא שבע אמרו ליה



דדהבא אפתורא דדהבא. הביאו לו לחם של זהב מונח על שלחן של זהב: אמר להן מי אכלי אינשי נהמא דדהבא. כלומר וכי מנהג בכאן לאכול לחם של זהב אמרו לו אין. מנהג בכאן לאכול לחם של זהב אבל בשביל כך שמנו זהב לפניך לאכול שאין זו פלא לנו שבאת לכאן בשביל אכילתך וכי לא היה לך לחם לאכול במקומך שנתרחקת ממלכותך ובאת עד כאן ושאלת לחם לאכול לכך נתננו לך זהב וכסף בספורים היינו שבאת בגלל זהב וכסף לכאן: כי נפק. כשהיה יוצא מן העיר: כתב אבבא דמחוזא. כתב על שער העיר: אנא אלכסנדרוס הויתי שטיא. הייתי שוטה מבלי לב להבין: עד דאתיתי. לכרך נשיא ולמדוני חכמה: יתיב ההוא מעיינא קאכיל נהמא. כדרך בני אדם שיושבים על המעין ואוכלים שם לחם וכשרוצים לשתות שותים: גילדני מלוחים. דגים מלוחים: בהדי דמחוורי. בעוד שהיו רוחצים במים כדי להסיר מליחתם: נפל בהו רוחא. בא רוח מהמעין והחיה הדגים: טרא באפיה. לקח מהמים ורחץ על פניו: אידלי כוליה. הלך דרך משיכת המעין לצד מעלה עד שהגיע למקום ניחתו: אנא מלכא הוא. ותשוב אנא תנו לי דבר אחד מגן עדן הואיל ואינכם רוצים לפתוח לי שער: גלגלתא חדא. גלגל עין של אדם דוגמא שלא שבעה עינו לראות: לא שבע. עין האדם לא ישבע מלראות ממון

ווייבער קען דען אמענטש עסין גאלדענע ברויט, האבען דיא ווייבער גזאגט צו אלכסנדר אויב דוא ווילסט עסין נאר געוויינליכע ברויט וויא אלע מענטשין עסין: איז דען נישטא ברויט אין דיין שטאט וואס דוא ביסט גיקומען אזוי אווייטע וועג ביז צו אונז. דריבער האבען מיר גימיינט טאמער ביסטו גיקומען וועגין גאלד אונ זילבער. האבען מיר דיר גיגעבען גאלדענע ברויט. אז אלכסנדר איז ארויס גיגאנגען פון די שטאט האט ער אויף געשריבען אויף דעם טויער פון דיא שטאט. איך אלכסנדר מוקדון בין גיוועזן אנאר ביז איך בין גיקומען אין דיא מדינה אפריקא אין די שטאט פון ווייבער האב איך גילערנט חכמה פון דיא ווייבער. ווען אלכסנדר איז גיגאנגען צוריק פון אפריקא. האט ער זיך גיזעצט נעבין אקוואל וואסער אונ האט גיגעסין ברויט. אונ ער האט גיהאלטען אין האנט גיזאלצענע פיש (הערינג): ווי ער האט גיוואשען די פיש אין דעם וואסער עס זאל אראפ גיין פון זיי די זאלץ. איז ארויס גיקומען אזוי וויא אווינט פון דעם וואסער אונ איז אריין אין די פיש אונ האט זיי לעבעדיג גימאכט האט אלכסנדר גזאגט דער קוואל מוז קומען פון גן עדן. אנדערע זאגען אלכסנדר האט גינומען אביסול פון דעם וואסער אונ האט גיוואשען זיין פנים. אנדערע זאגען אלכסנדר איז גיגאנגען מיט דעם וועג וואס דיא וואסער האבען זיך גיצויגען אלע מאהל העכער ביז ער איז גיקומען צו די טיר פון גן עדן: האט אלכסנדר גישאהן אגישריי העפענט מיר די טיר. האט מען גיענטפערט צו אלכסנדר דער טויער ניהער צוא גאט צדיקים וועלין אריין קימען דורך דעם טויער. האט אלכסנדר גיענטפערט איך בין אמלך (אונ אז גאט האט מיך גימאכט פאר אמלך גיווים) בין איך גרויס ביי איהם. אונ אויב איר ווילט מיר ניט עפענען דעם טויער איך זאל אריין קומען אינווייניג גיט מיר עפעס פון גן עדן. האט מען איהם גיגעבען אאויג פון אמענטש. וויא אלכסנדר איז גיקומען אהיים האט ער אריין גילייגט דיא אויג אין איין וואג שאל אונ זיינע גאנצע זילבער אונ גאלד האט ער אריין גילייגט אין דעם אנדערין וואג שאל. אונ דיא גאנצע זילבער אונ גאלד האבען ניט גיקענט אראפ ציהען די וואג שאל. האט אלכסנדר גיפרעגט ביי דיא רבנן פאר וואס דאס איז. האבען דיא רבנן גזאגט ווייל דאס איז אאויג פון פלייש אונ בלוט וואס זיא ווערט ניט זאט איין צו זאמלען אלע זילבער אונ גאלד פון דער וועלט ביז ער שטארבט אונ די אויג ווערט בדעקט מיט ערד. האט אלכסנדר גזאגט צו די רבנן פון וואנען וויים איך אז עס איז אזוי. ווייל דיא אויג ווערט ניט זאט. האבען דיא רבנן גזאגט צוא

שקול קליל עפרא כסיה ולאלתר תקל דכתיב (משלי כז) שאול ואבדון לא תשבענה וגו׳ :

ג׳ תנא דבי אליהו גיהנם למעלה מן הרקיע ויש אומרים לאחורי הרי חשך :

עד שמת ויתכסה בעפר: שקול קליל עפרא וכו׳. קח מעט עפר וכסהו והמלא משקלו: דכתיב שאול ואבדון לא תשבענה ועיני אדם לא תשבענה: גיהנם למעלה מהרקיע. והן החיות המזומנות על ראש רשעים כדכתיב על ראש רשעים יחול וי״א לאחורי הרי חשך:

ד תנא ר׳ חייא כל העוסק בתורה בלילה שכינה כנגדו שנאמר (איכה ב) קומי רוני בלילה וגו׳ נכח פני ה׳. א״ר אלעזר א״ר חנינא ת״ח מרבים שלום בעולם שנאמר (ישעיה נד) וכל בניך למודי ה׳ ורב שלום בניך וגו׳ :

## סליק מסכת תמיד



(משנה ב) א מתני׳ כל הנכנסין להר הבית נכנסין דרך ימין ומקיפין ויוצאין דרך שמאל חוץ ממי שאירעו דבר שהוא מקיף לשמאל. מה לך מקיף לשמאל. שאני אבל. השוכן בבית הזה ינחמך. שאני מנודה. השוכן בבית הזה יתן בלבם ויקרבוך

דבים עובדיה ז״ל מברטנורה: נכנסין דרך ימין. כגון שנכנסים דרך שערי חולדה שהן מן הימין מקיפים דרך שער המזרח: שאני אבל. כששואלין אותו מה לך להקיף לשמאל ואמר שאני אבל אומר לו השוכן בבית הזה הוא ינחמך: שמיתן כאילו עברו עליו את הדין. אם הם אומרים לו כן כאלו הכירו שאותו הדין נדונו שלא כהלכה: יתן בלבך

---

אלכסנדר נעם אביסעל ערד אונ בדעק די אויג. וועט די אויג באלד גריג ווערין. און אקליינע זאך וועט קענען אראפ ציהען די וואג שאל: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די גרוב און דער גיהנם ווערין ניט זאט און די אויגין פון מענטשין ווערין ניט זאט:

ג תנא. דבי אליהו הט גילערונט דער גיהנם איז איבער דעם הימעל. אנדערע זאגין דער גיהנם איז אינטער די פינסטערע בערג:

ד תנא. רבי חייא הט גילערונט דער וואס לערונט תורה ביי נאכט איז דיא שכינה נעגין איהם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שטיי אויף ביי נאכט און לערין תורה געגין דעם פנים פון גאט. רבי אלעזר האט גזאגט פון רבי חנינאס וועגין דיא תלמידי חכמים מערין שלום אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיינע אלע קינדער וועלין זיין גילערונט מיט דיא תורה פון גאט און דיינע קינדער וועלן ברינגען פיל שלום אויף דער וועלט:

## פרק שני

א משנה: כל: אלע מענטשין וואס זענען ארויף גיגאנגען אויף דעם בארג וואס דער בית המקדש איז. זענען זיי גיגאנגען דורך דיא רעכטע זייט. און זייא זענען גיגאנגען ארום און זענען ארויס גיגאנגען דורך דיא לינקע זייט. נאר אויב איינעם האט גיטראפען ער איז גיווארין אאבל. איז ער ארויף גיגאנגען דורך דיא לינקע זייט. און מען האט איהם גיפרעגט וואס איז דיר וואס דו גייסט ארויף דורך דיא לינקע זייט. האט ער גיענטפערט ווייל איך בין אאבל. האבען זיי גזאגט צו איהם: גאט וואס ער רוהט אין דיא שטוב ואין דעם בית המקדש ער זאל דיך טרייסטען. און אויב מען האט גיפרעגט ביי איינעם פאר וואס גייסטו ארויף דורך דיא לינקע זייט. און ער הט גיענטפערט ווייל דיא חכמים האבען מיך דער ווייטערט. האבען זייא איהם גיבארפט ענטפערין. גאט וואס ער רוהט אין די שטוב ואין דעם בית המקדש ער זאל געבין אין דיא הערצער פון דיא חכמים זייא זאלען דיך צוריק נאנט מאכען צו זיך. אזוי זאגט רבי

מאיר